בעזרת השם יתברך

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת
## גליון פאר'ן שבת טיש



פרשת כי תבא

טז אלול שנת תש"פ לפ"ק

שנה 1, גליון 14

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב

שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן אִינְדֶערְפְרִי הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ג', דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם חִגֵר.

דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי:

דֶערְוַוייל הָאט עֶר דֶערְזֶעהְן. וִוי פָּאטֶער אוּן מוּטֶער גֵייעֶן אוּן וֵויינֶען הָאט מֶען זֵיי גִיפְרֶעגְט וָואס וֵויינְט אִיר. הָאבְּן זֵיי גִיעֶנְפֶערְט. זֵיי הָאבִּין אַ זוּן. פְלֶעגְט זַיין שְׁטֵייגֶער צוּ זַיין עֶר זָאל גֵיין אִין זַיין וֶועג. אוּן אִין דֶער צַייט פְלֶעגְט עֶר זִיךְ שׁוֹין אוּם קֶערִין אוּן הַיינְט אִיז שׁוֹין אַ לַאנְגֶע צַייט אוּן עֶר אִיז נָאךְ נִיט גִיקוּמֶען. (אוּן דָאס אִיז אַלְץ גִיוֶוען פוּן דִי שֵׁדִים דֶער פָּאטֶער מִיט דֶער מוּטֶער מִיט דֶעם זוּן) הָאט מֶען זֵיי גִיבְּרַאכְט צוּם מֶלֶךְ. הָאט דֶער מֶלֶךְ גִיהֵייסְן אַז מִיזָאל שִׁיקִין שְׁלוּחִים אִין גָאר דֶער וֶועלְט אַז מִיזָאל אִים גִיפִינֶען. וִוי דֶער פָּאטֶער מִיט דֶער מוּטֶער זֶענֶען קְרִיק גִיגַאנְגֶען פוּן דֶעם מֶלֶךְ. הָאבִּין זֵיי בַּאגֶעגְנְט אֵיינֶעם וָואס דֶער אִיז אִין אֵיינֶעם גִיגַאנְגֶען מִיט זֵייעֶר זוּן הָאט עֶר זֵיי גִיפְרֶעגְט. וָואס וֵויינְט אִיר. הָאבִּין זֵיי אִים דֶערְצֵיילְט. הָאט עֶר זֵיי גִיעֶנְפֶערְט.

אִיךְ וֶועל אַייךְ דֶערְצֵיילִין. בַּאֲשֶׁר מִיר הָאבְּן גִיהַאט אַ קֶענְפּ אוֹיף דֶעם יַם. וָואס דָארְט אִיז גִיוֶוען אוּנְזֶער אָרְט. אִיז גִיגַאנְגֶען דֶער מֶלֶךְ וָואס צוּ אִים הָאט גִיקֶערְט דִי קֶענְפּ. אוּן הָאט גִיוָואלְט דָארְט בּוֹיעֶן פַּאלַאצִין אוּן הָאט דָארְט שׁוֹין גִילֵייגְט אַ יְסוֹד (דְהַיְינוּ אַ גְרוּנְט) הָאט אַייעֶר זוּן גִיזָאגְט צוּ מִיר. אַז מִיר זָאלִין אִים מַזִיק זַיין. זֶענֶען מִיר גִיגַאנְגֶען אוּן מִיר הָאבִּין אַוֶועק גִינוּמֶען דֶעם כֹּחַ פוּן דֶעם מֶלֶךְ. הָאט עֶר זִיךְ גִיפָּארִיט מִיט דָאקְטוֹירִים. אוּן זֵיי הָאבִּין אִים נִיט גִקָאנְט הֶעלְפִין. הָאט עֶר זִיךְ אָן גִיהוֹיבִּין צוּ פָּארִין מִיט מְכַשְּׁפִים. אִיז דָארְט גִיוֶוען אֵיין מְכַשֵּׁף וָואס עֶר הָאט גְוואוּסְט זַיין מִשְׁפָּחָה מַיין מִשְׁפָּחָה הָאט עֶר נִיט גְוואוּסְט אִיבֶּער דֶעם הָאט עֶר מִיר גָאר נִיט גִיקֶענְט טְהוּן. נָאר זַיין מִשְׁפָּחָה הָאט עֶר גִיוְוִיסְט. הָאט עֶר אִים גִיחַאפְּט אוּן עֶר אִיז אִים מְעַנֶּה זֵייעֶר (כְּלוֹמַר עֶר פַּיינִיגְט אִים זֵייעֶר) הָאט מֶען אִים גִיבְּרַאכְט צוּם מֶלֶךְ (דְהַיְינוּ דֶעם שֵׁד וָואס עֶר הָאט דָאס אַלְץ דֶערְצֵיילְט) הָאט עֶר דָאס פַאר דֶעם מֶלֶךְ אוֹיךְ דֶערְצֵיילְט. הָאט דֶער מֶלֶךְ גִיזָאגְט לָאז מֶען אוּם קֶערִין דֶעם כֹּחַ צוּ דֶעם מֶלֶךְ. הָאט עֶר גִיעֶנְפֶערְט עֶס אִיז בַּיי אוּנְז גִיוֶוען אֵיינֶער וָואס עֶר הָאט קֵיין

## אַ וָוארְט פַאְרן שַׁבָּת טִישׁ

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אַמָאל דֶערְצֵיילְט

וּבָאתָ אֶל הַכֹּהֵן אֲשֶׁר יִהְיֶה בַּיָּמִים הָהֵם (דברים כו, ג)

אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד ר' סֶענְדְרְ'ל פוּן טְרָאוִויצֶע ז"ל עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע עוֹבֵד הַשֵּׁם, אוּן סוֹף יָמָיו הָאט עֶר גֶעווְאוֹינְט אִין אוּמַאן, זַיין סֵדֶר אִיז גֶעוֶוען אַז יֶעדְן פַּארְטָאגְס פְלֶעגְט עֶר קוּמֶען צוּם צִיוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין וְכוּ', אֵיינְמָאל וֶוען דֶער עוֹלָם אִיז גֶעקוּמֶען צוּם צִיוּן פַּארְטָאגְס הָאט מֶען גֶעזֶען אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, מֶען הָאט גֶעזֶען וִוי אַ וַוייסֶע גֶעשְׁטַאלְט נֶעבְּן צִיוּן שָׁאקְלְט זִיךְ, קוֹדֶם הָאט מֶען מוֹרָא גֶעהַאט וָואס דָאס אִיז, נָאכְדֶעם הָאט מֶען בַּאמֶערְקְט אַז דָאס אִיז ר' סֶענְדֶר פוּן טְרָאוִויצֶע בַּאדֶעקְט מִיט שְׁנֵיי פוּן קָאפּ בִּיזְן פִיס, הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט: ר' סֶענְדֶר וָואס טוּט אִיר דָא, עֶס אִיז קַאלְט אוּן עֶס שְׁנֵייט, אִיר וֶוערְט דָאךְ בַּאלְד פַארְפְרוֹירְן?! זָאגְט עֶר: אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען פַּארְטָאגְס צוּם צִיוּן אוּן דֶער צִיוּן אִיז גֶעוֶוען פַארְשְׁפַּארְט, הָאבּ אִיךְ אָפְּגֶעמַאכְט אַז אִיךְ גֵיי נִישְׁט אַוֶועק פוּן דָא, עֶס הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ פַאלְן אַ שְׁנֵיי הָאבּ אִיךְ שׁוֹין יָא גֶעוָואלְט אַהֵיים גֵיין, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר וֶוען אִיךְ וֶועל אַוֶועק גֵיין מִזֶּה הָעוֹלָם אוּן אִיךְ וֶועל אַרוֹיף קוּמֶען אוֹיבְן אִין הִימְל אוּן אִיךְ וֶועל וֶועלְן גֵייעֶן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס הֵיכָל, וֶועט מֶען מִיר עֶנְטְפֶערְן תֵּירוּצִים: עֶס רֶעגְנְט; עֶס שְׁנֵייט; עֶס אִיז וַוייט; עֶס אִיז קַאלְט וְכוּ' וְכוּ', וֶועל אִיךְ זָאגְן אַז וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעלֶעבְּט אוֹיף דִי וֶועלְט הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף גָארְנִישְׁט אוּן אִיךְ בִּין יֶעדְן טָאג גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'נְס צִיוּן, אַזוֹי וִויל אִיךְ יֶעצְט אוֹיךְ גֵיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אָן קַיין תֵּירוּצִים, וֶועט מֶען מִיר מוּזְן לָאזְן גֵיין צוּם רֶבִּי'ן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת אוֹת צַדִּיק, סִימָן עד) "הַמְקֹרָבִים שֶׁיֵּשׁ לַצַּדִּיק בְּחַיָּיו, הֵם יִהְיוּ מְקֹרָבִים בְּמוֹתָם". ווער עֶס אִיז מְקוּרָב צוּם צַדִּיק אוֹיף דֶער וֶועלְט וֶועט זַיין מְקוּרָב צוּם צַדִּיק אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט פַארְצֵיילְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲשֶׂה (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סי' ק"א) עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד אַ תַּלְמִיד פוּן הרה"ק רֶבִּי מְנַחֵם מֶענְדְל פוּן וִויטֶעפְּסְק זי"ע, עֶר אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן אוּן דִי מַלְאֲכֵי חַבָּלָה הָאבְּן אִים אַיינְגֶערֶעדְט אַז עֶר לֶעבְּט נָאךְ אוּן עֶר טוּט בִּיזְנֶעס וְכוּ', אִינְמִיטְן וֶועג צוּ גֵיין צוּם יָרִיד רוּפְט עֶר זִיךְ אָן אַז עֶר וִויל גֵיין צוּ זַיין רֶבִּי'ן הרה"ק ר' מֶענְדֶעלֶע זי"ע, הָאבְּן אִים זַיינֶע אַרְבֶּעטֶערְס - וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען מַלְאָכִים - אָפְּגֶערֶעדְט, אוּן זֵיי הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט: מֶען וֶועט נָאךְ גֵיין שְׁפֶּעטֶער וְכוּ', אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען אַפָּאר מָאל, עֶר הָאט גֶעוָואלְט גֵיין צוּ זַיין רֶבִּי'ן אוּן דִי מַלְאָכִים הָאבְּן אִים אָפְּגֶערֶעדְט, בִּיז אֵיין מָאל הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט אַז יֶעצְט גֵייט עֶר זֵיי שׁוֹין נִישְׁט פָאלְגְן נָאר עֶר גֵייט צוּ זַיין רֶבִּי'ן, אוּן וִויפִיל זֵיי הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט אַז עֶס לוֹינְט נִישְׁט פַאר דִי גֶעשֶׁעפְטְן הָאט עֶר גֶעזָאגְט: עֶס גֵייט מִיךְ גָארְנִישְׁט אָן, זָאל אִיךְ פַארְלִירְן מַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן, אִיךְ פָאר צוּ מַיין רֶבִּי'ן! אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעפַאנְגֶען שְׁלָאגְן מִיט זֵיי, עֶר הָאט גֶעשְׁרִיגְן: אִיר זֶענְט מַיינֶע אַרְבֶּעטֶערְס אוּן אִיר דַארְפְט מִיר פָאלְגְן, הָאבְּן זֵיי אִים אוֹיסְגֶעזָאגְט דֶעם אֶמֶת: זָאלְסְט וִויסְן אַז דוּ בִּיסְט אַ מֵת - אַ טוֹיטֶער מֶענְטְשׁ, אוּן דוּ גֵייסְט נִישְׁט אִין עֶרְגֶעץ דוּ קוּמְסְט מִיט אוּנְז, הָאט עֶר גֶעשְׁרִיגֶען אִיךְ וִויל גֵיין צוּ מַיין רֶבִּי'ן! הָאבְּן זֵיי אִים גֶעזָאגְט: מַה דָאךְ פְרִיעֶר וָואס מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען דַיינֶע אַרְבֶּעטֶערְס הָאבְּן מִיר דִיךְ נִישְׁט גֶעלָאזְט גֵיין, יֶעצְט וָואס דוּ וֵוייסְט שׁוֹין דֶעם אֶמֶת אַז דוּ בִּיסְט טוֹיט אוּן מִיר זֶענֶען מַלְאֲכֵי חַבָּלָה דַארְפְן מִיר דִיךְ זִיכֶער נִישְׁט פָאלְגְן, עֶס אִיז גֶעגַאנְגֶען קוֹלוֹת בִּיז דֶער בֵּית דִין שֶׁל מַעֲלָה הָאט גֶעפְרֶעגְט וָואס דִי קוֹלוֹת זֶענֶען הָאט מֶען זֵיי גֶעזָאגְט וָואס עֶס גֵייט פַאר, הָאט דֶער בֵּית דִין שֶׁל מַעֲלָה גֶע'פַּסְקְ'נְט אַז זֵיי מוּזְן אִים לָאזְן גֵיין צוּ זַיין רֶבִּי'ן, וִוייבַּאלְד עֶר פְלֶעגְט כְּסֵדֶר גֵיין צוּ זַיין רֶבִּי'ן, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע זי"ע הָאט אִים גֶעגֶעבְן אַ תִּיקוּן. הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט דִי מַעֲשֶׂה אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט מִיט אַ צַדִּיק, וֶועט אִים דֶער צַדִּיק מְתַקֵּן זַיין.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה קְדוֹשִׁים תשע"ו)

נִיט גִיהַאט. הָאבִּין מִיר אִים אַוֶועק גִיגֶעבִּין דֶעם כֹּחַ. הָאט דֶער מֶלֶךְ גִיזָאגְט. לָאז מֶען בַּיי אִים אָפְּנֶעמֶען דֶעם כֹּחַ. אוּן לָאז מֶען אוּם קֶערִין צוּם מֶלֶךְ. הָאט מֶען אִים גִיעֶנְפֶערְט. עֶר אִיז גִיוָוארְן אַ וָואלְקִין (דְהַיְינוּ דֶער שֵׁד וָואס זֵיי הָאבִּין אִים אַוֶועק גִיגִיבְּען דֶעם כֹּחַ פוּן דֶעם מֶלֶךְ אִיז דֶער שֵׁד גִיוָוארְן אַ וָואלְקִין) הָאט דֶער מֶלֶךְ גִיזָאגְט אַז מֶען זָאל רוּפִין דֶעם וָואלְקִין אוּן מְזָאל אִים בְּרֶענְגֶען אַהֶער. הָאט מֶען גִישִׁיקְט אַ שָׁלִיחַ נָאךְ אִים.

הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען (דְהַיְינוּ דֶער וָואס הָאט קֵיין כֹּחַ נִיט גִיהַאט אִין דִי פִּים פְּרֵיר. וָואס עֶר הָאט דָאס אַלְץ גִיזֶעהְן) לָאם אִיךְ נָאךְ גֵיין. וֶועל אִיךְ זֶעהְן וִוי אַזוֹי סֶע וֶוערְט פוּן דִי לַייט אַ וָואלְקִין. אִיז עֶר נָאךְ גִיגַאנְגֶען דֶעם שָׁלִיחַ. אוּן אִיז גִיקוּמֶען צוּ דֶער שְׁטָאט וָואס דָארְט אִיז גִיוֶוען דֶער וָואלְקִין. הָאט עֶר גִיפְרֶעגְט דִי שְׁטָאט לַייט. פַאר וָואס אִיז דָא אֵיין וָואלְקִין אִין שְׁטָאט. הָאבִּין זֵיי אִים גִיעֶנְפֶערְט. דָא אִין שְׁטָאט אִיז אַדְרַבָּא. קֵיין מָאל קֵיין וָואלְקִין נִישְׁט דָא. נָאר פוּן אַ צַייט הָאט אַזוֹי אַ וָואלְקִין בַּאדֶעקְט דִי שְׁטָאט. אוּן דֶער שָׁלִיחַ אִיז גִיקוּמֶען אוּן הָאט גִירוּפְן דֶעם וָואלְקִין. אִיז עֶר אַוֶועק גִיגַאנְגֶען פוּן דָארְט. הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען (דְהַיְינוּ דֶער וָואס הָאט קֵיין כֹּחַ נִיט גִיהַאט אִין דִי פִּים פְּרֵיר) עֶר וֶועט זַיי נָאךְ גֵיין עֶר זָאל הֶערִין וָואס זֵיי שְׁמוּסֶען. הָאט עֶר גִיהֶערְט וִוי דֶער שָׁלִיחַ הָאט אִים גִיפְרֶעגְט וִוי קוּמְט עֶס וָואס דוּ בִּיסְט דָא גִיוָוארִין אַ וָואלְקִין. הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט. אִיךְ וֶועל דִיר דֶערְצֵיילִין אַ מַעֲשֶׂה.

אַמָאל אִיז גִיוֶוען אַ חָכָם. אוּן דֶער קֵיסָר פוּן דֶער מְדִינָה אִיז גִיוֶוען אַ גְרוֹיסֶער אַפִּיקוֹרֶס אוּן עֶר הָאט גִימַאכְט דִי גַאנְצֶע מְדִינָה פַאר אַפִּיקוֹרְסִים. אִיז גִיגַאנְגֶען דֶער חָכָם אוּן הָאט גִירוּפְן דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה זַיינֶע. אוּן הָאט צוּ זֵיי גִיזָאגְט. אִיר זֶעט דוּךְ. אַז דֶער קֵיסָר אִיז אַ גְרוֹיסֶער אַפִּיקוֹרֶס אוּן הָאט גִימַאכְט דִי גַאנְצֶע מְדִינָה פַאר אַפִּיקוֹרְסִים אוּן אַ טֵייל פוּן אוּנְזֶער מִשְׁפָּחָה. הָאט עֶר שׁוֹין אוֹיךְ גִימַאכְט פַאר אַפִּיקוֹרְסִים.

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט: דֶער חָכָם - דָאס אִיז דֶער צַדִיק, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, וָואס הָאט שׁוֹין פָארְאוֹיס גֶעזָאגְט, פַאר צְוֵויי הוּנְדֶערְט יָאר צוּרִיק, פוּן דֶעם נִסָּיוֹן וָואס וֶועט בַּאטְרֶעפְן אוּנְזֶער דוֹר אַז עֶס וֶועט זַיין אַ מַבּוּל פוּן אַפִּיקוֹרְסוּת, וִוי דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט: עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ קֶענִיג וָואס אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט זַיינֶע שָׂרִים פַאנְגֶען חַיוֹת, עֶר אִיז גֶעוֶוען אָנְגֶעטוּן וִוי אַ פָּשׁוּטֶ'ער דָארְפְסְמַאן, פְּלוּצְלִינְג הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלָאזְט אַ שְׁטַארְקֶע רֶעגְן, אַלֶע שָׂרִים זֶענֶען זִיךְ צוּלָאפְן אוּן זֵיי הָאבְּן אִיבֶּערְגֶעלָאזְט דֶעם קֶענִיג אַלֵיין, דֶער קֶענִיג אִיז גֶעוֶוען אִין אַ גְרוֹיסֶער סַכָּנָה אוּן עֶר הָאט גֶעזוּכְט אַ פְּלַאץ וואוּ עֶר קֶען זִיךְ בַּאשִׁיצְן, בִּיז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אַ הוֹיז וואוּ עֶס הָאט גֶעוואוֹינְט אַ פָּשׁוּטֶ'ער דָארְפְסְמַאן, דֶער דָארְפְסְמַאן הָאט אַרַיין גֶענוּמֶען דֶעם קֶענִיג, עֶר הָאט אָנְגֶעטוּן דֶעם קֶענִיג פְּרִישֶׁע קְלֵיידֶער אוּן אִים גֶעגֶעבְּן צוּ עֶסְן אַבִּיסְל גְרִיז אוּן אִים גֶעלֵייגְט שְׁלָאפְן נֶעבְּן דֶעם אוֹיבְן וְכוּ'. דֶער קֶענִיג אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר מִיד אוּן פַארְמַאטֶערְט אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי מְחַיֶה גֶעוֶוען מִיט דֶעם בֶּעט וָואס דֶער דָארְפְסְמַאן הָאט אִים צוּגֶעשְׁטֶעלְט, אַז מַמָּשׁ עֶר הָאט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט אַזַא גֶעשְׁמַאק וִוי עֶר הָאט דָארְט גֶעהַאט בַּיי דֶעם פָּשׁוּטְ'ן דָארְפְסְמַאן. שְׁפֶּעטֶער וֶוען עֶס הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט רֶעגְנֶען זֶענֶען אַלֶע שָׂרֵי הַמְּלוּכָה גֶעקוּמֶען זוּכְן דֶעם קֶענִיג, בִּיז זֵיי הָאבְּן אִים גֶעטְרָאפְן שְׁלָאפְן בַּיים דָארְפְסְמַאן אִין שְׁטוּב. וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט אַהֵיים נֶעמֶען דֶעם קֶענִיג הָאט זֵיי דֶער קֶענִיג גֶעזָאגְט: "וֶוען עֶס הָאט גֶערֶעגְנְט הָאט אִיר נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף מִיר, יֶעדֶער פוּן אַייךְ אִיז גֶעלָאפְן זוּכְן שׁוּץ פַאר זִיךְ אַלֵיין אוּן אִיךְ בִּין גֶעבְּלִיבְן אַלֵיין, נָאר דֶער דָארְפְסְמַאן הָאט מִיר אַרַיין גֶענוּמֶען צוּ זִיךְ אִין שְׁטוּב אוּן מִיךְ גֶערַאטֶעוֶועט, וֶועט עֶר מִיר אַהֵיים טְרָאגְן צוּם פַּאלַאץ אוּן עֶר וֶועט מִיר אָנְטוּן מַיין קְרוֹין".

הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט: "פַאר מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט זַיין אַ מַבּוּל פוּן אַפִּיקוֹרְסוּת; נִישְׁט אַ מַבּוּל פוּן וַואסֶער אוּן נִישְׁט אַ מַבּוּל פוּן פַייעֶר, נָאר אַ מַבּוּל פוּן שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, עֶס וֶועט אַרַיין שְׁפְּרִיצְן אֲפִילוּ אִין דִי כָּשֵׁרְ'עֶ הֶערְצֶער אוּן מִיט חָכְמוֹת וֶועט מֶען זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען אַן עֵצָה גֶעבְּן, נָאר דִי פָּשׁוּטְ'עֶ אִידְן וָואס זָאגְן תְּהִלִּים מִיט תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, זֵיי וֶועלְן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן זֵיי וֶועלְן אָנְטוּן דֶעם קְרוֹין פַאר מָשִׁיחַ" (פְּעוּלַּת הַצַּדִיק, סִימָן תתל"ד).

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט: דָאס אִיז לֵיידֶער אַ מְצִיאוּת אִין דִי הַיינְטִיגֶע טֶעג, מֶען זֶעט נֶעבֶּעךְ אִידְן וָואס קֶענֶען גֵיין אָנְגֶעטוּן מִיט שְׁטְרַיימְל, בֶּעקִיטְשֶׁע, אוּן זֵיי רֶעדְן קֶעגְן דִי אֱמוּנָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

נִישְׁט אַלֶע רֶעדְן אָפְן קֶעגְן דִי אֱמוּנָה, אָבֶער מֶען אִיז אַרַיין גֶעטוּן מִיט קָאפּ אוּן מֹחַ אִין דִי פָּאלִיטִישֶׁע נַייעֶס, וֶוער וֶועט גֶעוואוּנֶען דִי וַואלְן וְכוּ', וִוי גְלַייךְ דִי וֶועלְט וֶוערְט גֶעפִירְט דוּרְךְ דִי פָּאלִיטִיקַאנְטְן; אָדֶער זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֵייעֶר גַאנְצֶע קָאפּ אוּן מֹחַ אִיז אַרַיין גֶעטוּן אִין 'עֶקָאנָאמְיֶע' נַייעֶס, וִוי גְלַייךְ אַז זֵייעֶר גֶעלְט אוּן לֶעבְּן אִיז אַלֶעס אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין דִי 'עֶקָאנָאמְיֶע'; דָאס אִיז אַלֶעס קֶעגְן דִי אֱמוּנָה, וַוייל קֵיינֶער קֶען גָארְנִישְׁט גֶעבְּן פַארְ'ן מֶענְטְשׁ אוּן קֵיינֶער קֶען נִישְׁט גָארְנִישְׁט צוּנֶעמֶען פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אַלֶעס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

לֵיידֶער וואוֹינֶענְדִיג צְווִישְׁן דִי גוֹיִם זֶענֶען מִיר גֶעוָוארְן פַארְ'גוֹיִ'אִישְׁט; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט טַאקֶע אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט דִי וֶועלְט אוֹיף דֶעם וֶועג אַז מֶען דַארְף אַרְבֶּעטְן, מַאכְן בִּיזְנֶעס אוּן פַארְדִינֶען גֶעלְט, דָאךְ טָאר מֶען אָבֶער נִישְׁט פַארְגֶעסְן אַז פִירְן - פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִי וֶועלְט. אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעשְׁרִיגְן מִיט פַארְדְרוּס: "וָואס אִיז מִיט דִיר? דוּ בִּיסְט דָאךְ אַ אִידִישׁ קִינְד, וִוי קֶען אַ אִיד רֶעדְן אַזוֹי?!"

בְּכֵן לָאמִיר זִיךְ אַוֶועק לָאזִין אִין דֶער מִדְבָּר כְּדֵי מִיר זָאלִין בְּלַייבְּן בַּיי אוּנְזֶער אֱמוּנָה אִין גָאט בָּרוּךְ הוּא. זֶענֶען זֵיי מְרוּצָה גִיוָוארִין דְרוֹיף. הָאט דֶער חָכָם גִיזָאגְט אֵיין שֵׁם הָאט עֶס זֵיי גִיבְּרַאכְט צוּ אֵיין מִדְבָּר. אִיז אִים נִישְׁט גִיפֶעלִין דִי מִדְבָּר. הָאט עֶר ווִידֶער גִיזָאגְט אֵיין שֵׁם הָאט עֶס זֵיי אַוֶועק גִיטְרָאגְן צוּ אֵיין אַנְדֶערֶע מִדְבָּר. אִיז אִים דִי מִדְבָּר אוֹיךְ נִיט גִיפֶעלִין. הָאט עֶר נָאךְ גִיזָאגְט אֵיין שֵׁם. הָאט עֶס זֵיי ווִידֶער גִיבְּרַאכְט צוּ אֵיין אַנְדֶערֶע מִדְבָּר. אִיז דִי מִדְבָּר אִים יוֹא גִיפֶעלִין.

דָאס טוּט דֶער רֶבִּי מִיט אוּנְז, דֶער רֶבִּי נֶעמְט אוּנְז צוּ אַ אַנְדֶערֶע לֶעבְּנְס-שְׁטֵייגֶער, דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז וִוי אַזוֹי אַרַיין צוּ נֶעמֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִינֶעם טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן.

אוּן דִי מִדְבָּר אִיז גִיוֶוען נָאהֶנְט צוּ דִי צְוֵויי טוֹיזִינְט בֶּערְג (הַנַ"ל) אִיז דֶער חָכָם גִיגַאנְגֶען. אוּן הָאט גִימַאכְט אֵיין עִיגוּל (כְּלוֹמַר אַרוּם גִיקְרַייסְט) אַרוּם זֵיי אַז קֵיינֶער זָאל נִיט קֶענֶען צוּ טְרֶעטִין צוּ זֵיי.

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א עֶס מַסְבִּיר גֶעוֶוען: דֶער 'רִינְג' דָאס אִיז דֶער מִדָּה פוּן אַחְדוּת. וִוי מוֹהֲרַא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט פְּשַׁט אוֹיפְ'ן גְמָרָא (תַּעֲנִית לא.): "עָתִיד הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לַעֲשׂוֹת מָחוֹל לַצַּדִּיקִים וְהוּא יוֹשֵׁב בֵּינֵיהֶם בְּגַן עֵדֶן, וְכָל אֶחָד וְאֶחָד מַרְאֶה בְּאֶצְבָּעוֹ שֶׁנֶּאֱמַר (יְשַׁעְיָה כה, ט) וְאָמַר בַּיּוֹם הַהוּא הִנֵּה אֱלֹקֵינוּ זֶה קִוִּינוּ לוֹ וְיוֹשִׁיעֵנוּ זֶה ה' קִוִּינוּ לוֹ נָגִילָה וְנִשְׂמְחָה בִּישׁוּעָתוֹ", וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְן אַ רִינְג פַאר דִי צַדִיקִים אִין גַן עֵדֶן, אוּן יֶעדֶער וֶועט וַוייזְן מִיטְ'ן פִינְגֶער אוּן זָאגְן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, צוּ אִים הָאבְּן מִיר גֶעוַוארְט אוּן גֶעהָאפְט אִין גָלוּת צוּ וֶוערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט; וָואס אִיז דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן דֶעם רִינְג וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דֶעמָאלְט מַאכְן? נָאר אִין אַ רִינְג אִיז יֶעדֶער אֵיינִיג, עֶס הָאט נִישְׁט קַיין אָנְהֵייבּ אוּן עֶנְדֶע נָאר יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז גְלַייךְ מִיטְ'ן צְוֵוייטְן; דָאס וֶועט זַיין וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, יֶעדֶער אֵיינֶער וֶועט לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס וֶועט שׁוֹין מֶער נִישְׁט זַיין אַזַא זַאךְ פוּן זִיךְ קְרִיגְן אֵיינֶער מִיטְ'ן אַנְדֶערְן, יֶעדֶער אֵיינֶער וֶועט זַיין פַארְאֵיינִיגְט מִיטְ'ן אַנְדֶערְן אוּן נִישְׁט מְקַנֵא זַיין אָדֶער זִיךְ גְרוֹיסְן אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן.

מֶען זֶעט נֶעבֶּעךְ מֶענְטְשְׁן וָואס זֵייעֶר גַאנְצֶע קָאפּ טְרַאכְט נָאר 'אִיךְ בִּין חָשׁוּבְ'עֶר פוּן יֶענֶעם'... שֵׁיינֶע אִידְן קֶענֶען נִישְׁט גֵיין צוּם עֲצֶרֶת וַוייל 'וואוּ וֶועל אִיךְ זִיצְן', 'נֶעבְּן וֶועמֶען' וְכוּ', דֶערְפַאר הָאט מֶען אַיינְגֶעפִירְט אוֹיף אַלֶע קוֹל קוֹרָאְ'ס אַז מֶען חַתְמְ'ט לוֹיט דִי אוֹתִיּוֹת פוּן דִי אָלֶ"ף בֵּי"ת וַוייל אַז נִישְׁט הָאט מֶען טַעֲנוֹת: 'פַארְוָואס בִּין אִיךְ נִישְׁט דֶער עֶרְשְׁטֶער?...'

דָאס הָאט דֶער חָכָם, דֶער צַדִיק, גֶעלֶערְנְט מִיט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן מֶען זָאל נִישְׁט מְקַנֵא זַיין אַ צְוֵוייטְן, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן,

חֵלֶק א׳, סִימָן לד): יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אִין זִיךְ זַיין סְפֶּעצִיעֶלֶע נְקוּדָה וָואס דֶער צְוֵוייטֶער הָאט נִישְׁט, עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ נָאכְצוּמַאכְן דֶעם צְוֵוייטְנְס נְקוּדָה; און דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א הָאט דָאס בְּרֵייט אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט: אַ מֶענְטְשׁ דַארְף קוּקְן אוֹיף זִיךְ, נִישְׁט פְּרוּבִּירְן נָאכְמַאכְן יֶענֶעם; מוֹהֲרַ״שׁ הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל דָא זִיצְן און גֶעבְּן שִׁיעוּרִים - אִיז דָאס מַיין נְקוּדָה, זִיץ אִיךְ דָא און אִיךְ גֶעבּ שִׁיעוּרִים, אַ צְוֵוייטֶער וָואס עֶר קֶען רֵיינִיגֶען דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, עֶר מַאכְט זִיכֶער יֶעדְן טָאג אַז דָאס פְּלַאץ אִיז זוֹיבֶּער - אִיז דָאס זַיין נְקוּדָה, זָאל עֶר רֵיינִיגְן דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ; מֶען קֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן און אִים נָאכְמַאכְן.

און דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א הָאט גֶעזָאגְט: יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַ אַנְדֶערֶער אוֹת פוּן דִי סֵפֶר תּוֹרָה, קַיין אֵיין אוֹת אִיז נִישְׁט אִיבְּרִיג פוּן דִי תּוֹרָה, אוֹיבּ וֶועט פֶעלְן אֵיין אוֹת פוּנֶעם סֵפֶר תּוֹרָה אִיז דִי גַאנְצֶע סֵפֶר תּוֹרָה פָּסוּל, אֲפִילוּ אַז דִי אוֹת וָואס פֶעלְט אִיז גָאר אַ קְלֵיינֶע אוֹת וִוי דִי אוֹת יוּ״ד; דָאס לֶערְנְט אוּנְז אַז קַיין אֵיין מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט אִיבְּרִיג, יֶעדֶער אֵיינֶער מַאכְט אַ נַחַת רוּחַ פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט זַיין נְקוּדָה וָואס עֶר פַארְמָאגְט.

נָאךְ אַ זַאךְ זֶעט מֶען בַּיי דִי אוֹתִיּוֹת הַתּוֹרָה, אַלֶע אוֹתִיּוֹת זֶענֶען צוּפְרִידְן וִוי אַזוֹי זֵיי זֶענֶען בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן, דִי אוֹת יוּ״ד אִיז צוּפְרִידְן אֲפִילוּ עֶר אִיז אַ קְלֵיינֶער אוֹת, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין טַעֲנוֹת: ׳פַארְוָואס בִּין אִיךְ נִישְׁט דֶער שִׁי״ן - וָואס אִיז אַ גְרוֹיסֶער אוֹת?׳; און דֶער אוֹת דַלֶ״ת אִיז צוּפְרִידְן מִיט וָואס עֶר אִיז, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין טַעֲנוֹת: ׳פַארְוָואס בִּין אִיךְ נִישְׁט דֶער הֵ״י - וָואס הָאט צְוֵויי פִיס?׳; דָאס לֶערְנְט אוּנְז אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זַיין צוּפְרִידְן וִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים בַּאשַׁאפְן, עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן מִיט קִנְאָה און הָאבְּן טַעֲנוֹת: ׳פַארְוָואס בִּין אִיךְ נִישְׁט וִוי יֶענֶעם׳, וַוייל יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט זַיינֶע סְפֶּעצִיעֶלֶע נְקוּדוֹת טוֹבוֹת וָואס עֶר פַארְמָאגְט.

מוֹהֲרַ״שׁ פְלֶעגְט דָאס שְׁטֶענְדִיג חַזֶר׳ן און זִיךְ בֶּעטְן בַּיי אוּנְז מִיט גֶעוֵויין מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן און נִישְׁט אַוֶועק מַאכְן אַ צְוֵוייטְן, אַזוֹי וִוי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי הָאט גֶעזָאגְט צוּ זַיינֶע תַּלְמִידִים (זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ נָשֹׂא קכח.): ״אֲנָן בַּחֲבִיבוּתָא תַלְיָא״, אוּנְזֶער זַאךְ אִיז ׳זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן׳; זָאגְט מוֹהֲרַ״שׁ אוֹיף דֶעם אַ שֵׁיינֶעם רֶמֶז: אֲ׳נָ׳ן׳ אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: ״אַ׳נְשֵׁי נַ׳חַל נ׳וֹבֵעַ - בַּחֲבִיבוּתָא תַלְיָא״, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דַארְפְן זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען און זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן רצב): ״הָעוֹלָם רָאוּי שֶׁיִּתְמְהוּ עַצְמָן עַל הָאַהֲבָה שֶׁבֵּינֵינוּ״, דִי וֶועלְט וֶועט זִיךְ וואוּנְדֶערְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע לִיבְּשַׁאפְט וָואס וֶועט הֶערְשְׁן צְווִישְׁן אוּנְז.

און דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א זָאגְט וַוייטֶער: דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן צא): ״סְגוּלָה לְהַתְמָדָה שֶׁיִּזְכֶּה לִהְיוֹת מַתְמִיד בְּלִמּוּדוֹ, הוּא לְהִזָּהֵר לְבִלְתִּי לְדַבֵּר עַל שׁוּם אִישׁ יִשְׂרָאֵלִי״, אַ סְגוּלָה צוּ זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען פְלַייסִיג - אִיז אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט רֶעדְן אוֹיף קַיין שׁוּם אִיד; הָאט מוֹהֲרַ״שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה דָאס מַסְבִּיר גֶעוֶוען זֵייעֶר פָּשׁוּט: אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז נִישְׁט פַארְנוּמֶען מִיט אַ צְוֵוייטְן, עֶר רֶעדְט נִישְׁט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט אִים נִישְׁט וָואס טוּט זִיךְ בַּיי יֶענֶעם, דֶער וֶועט פָּשׁוּט הָאבְּן מֶער צַייט צוּ לֶערְנֶען, וַוייל אַז אִיךְ רֶעדְט נִישְׁט פוּן יֶענֶעם וָואס זָאל אִיךְ טוּן אִין דִי לֵיידִיגֶע צַייט? דֶערְפַאר אִיז דָאס אַ סְגוּלָה אוֹיף לֶערְנֶען פְלַייסִיג, וַוייל וֶוען אִיךְ הָאבּ אַפָּאר אִיבְּרִיגֶע מִינוּט נֶעם אִיךְ אַ גְמָרָא און אִיךְ זָאג בְּלֶעטֶער גְמָרָא, אִיךְ נֶעם אַ מִשְׁנָיוֹת און אִיךְ זָאג פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת.

בִּפְרָט יֶעצְט אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל הָאט דָאךְ דֶער רֶבִּי גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן עֶנְדִיגְן גַאנְץ ׳תּוֹרָה נְבִיאִים וּכְתוּבִים׳ (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן רנ״א), אָבֶער אִיךְ הָאבּ דָאךְ נִישְׁט קַיין צַייט דֶערוֹיף, אִיךְ קֶען נִישְׁט אָנְיָאגְן אַזוֹיפִיל צוּ לֶערְנֶען, וֶועל אִיךְ כָאטְשׁ זִיךְ צוּרִיק כַאפְּן צוּ מַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, אִין מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא, מֶדְרָשׁ, הֲלָכָה, תִּקּוּנֵי זוֹהַר, וְכוּ׳ וְכוּ׳.

און אַז מֶען לֶעבְּט אִינְאֵיינֶעם בְּאַחְדוּת, מֶען הָאט זִיךְ לִיבּ אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, דֶעמָאלְט אִיז מֶען מַצְלִיחַ און קֵיינֶער קֶען נִישְׁט צוּקוּמֶען שְׁלֶעכְטְס טוּן, וִוי דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט וַוייטֶער: ״וִוי דִי שֵׁדִים זֶענֶען אַהִין גִיקוּמֶען הָאבִּין זֵיי נִישְׁט גִיקֶענְט צוּ טְרֶעטִין מַחְמַת דֶעם עִיגוּל וָואס אַרוּם זֵיי אִיז גִיוֶוען״; אָבֶער דֶער רֶגַע וָואס מֶען הָאט זִיךְ פַיינְט אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן דֶעמָאלְט עֶפְנְט זִיךְ אוֹיף דֶער רִינְג און דִי שֵׁדִים קֶענֶען אַרַיין קוּמֶען.

און דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א הָאט גֶעזָאגְט: דָאס דַארְף אוֹיךְ יֶעדֶע פָּאר-פָאלְק טוּן, מַאכְן אַ רִינְג - זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, דֶעמָאלְט וֶועלְן זֵיי זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע; אָבֶער אַז דֶער טַאטֶע גֵייט אוֹיף זַיין וֶועג און דִי מַאמֶע גֵייט אוֹיף אִיר וֶועג, דֶעמָאלְט גֵייעֶן דִי קִינְדֶער אוֹיף זֵייעֶר וֶועג, און דִי נִישְׁט גוּטֶע זֶענֶען דָא.

בַּיים רֶבִּי׳ן אִיז גֶעוֶוען אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת און אַ עִיקָר שֶׁבָּעִיקָּרִים הָאבְּן ׳שָׁלוֹם בַּיִת׳, עֶס זָאל זַיין לִיבְּשַׁאפְט אִין שְׁטוּבּ (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן רסד); אִין דִי וֶועלְט פַּאסְט נִישְׁט צוּ רֶעדְן פוּן ׳שָׁלוֹם בַּיִת׳, מֶען טְרֶעפְט נִישְׁט קַיין אֵיין רֶבִּי און קַיין אֵיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת און אָנְזָאגְן זַיינֶע מֶענְטְשְׁן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אִין שְׁטוּבּ, מֶען זָאל זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן; פַארְוָואס? וַוייל דֶער רֶבִּי און דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַלֵיין וֵוייסְט אוֹיךְ נִישְׁט וִוי אַזוֹי זִיךְ אַן עֵצָה צוּ גֶעבְּן מִיט זַיין וַוייבּ, עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים בִּכְלָל גֶעגֶעבְּן אַ וַוייבּ... דֶערִיבֶּער הָאט עֶר נִישְׁט קַיין בְּרֵירָה מַאכְט עֶר אִיר פַאר אַ רֶעבִּיצִין, אַזוֹי אִיז עֶר פָּטוּר פוּן לֶעבְּן מִיט אִיר....

אַנְשְׁטָאט עֶר זָאל רֶעדְן בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת זַאכְן וָואס דֶער בָּחוּר און אִינְגֶערְמַאן קֶענֶען נִיצְן אִין זֵייעֶר לֶעבְּן, רֶעדְט מֶען פוּן הוֹיכֶע זַאכְן וָואס מֶען קֶען גָארְנִישְׁט טוּן דֶערְמִיט, מֶען רֶעדְט אַז מֶען טָאר נִישְׁט עֶסְן קַיין פִּיצַא און קַיין סָאשִׁי... דֶער בָּחוּר פַארְשְׁטֵייט בִּכְלַל נִישְׁט וָואס דוּ וִוילְסְט פוּן אִים, וָואס אַרְט דָאס פַארְ׳ן רֶבִּי׳ן אַז עֶר עֶסְט דָאס, עֶס הָאט דָאךְ אַ גוּטֶע הֶכְשֵׁר און דָאס זֶעט עֶר זַיין טַאטֶען עֶסְן.

אָבֶער בַּיים רֶבִּי׳ן הָאט מֶען אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן ׳שָׁלוֹם בַּיִת׳, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַ שִׁיעוּר וָואס מוֹהֲרַ״שׁ זָאל נִישְׁט רֶעדְן נָאכְאַמָאל פוּן ׳שָׁלוֹם בַּיִת׳, וַוייל דֶער יֵצֶר הָרַע וִויל נָאר אֵיין זַאךְ: עֶר וִויל אָפְּקִילְן דָאס לִיבְּשַׁאפְט צְווִישְׁן מַאן און וַוייבּ, אֵיינְמָאל עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין לִיבְּשַׁאפְט קֶען עֶר זֵיי שׁוֹין גְרִינְג אִיבֶּער רֶעדְן צוּ טוּן בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אִין דֶעם אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען דִי גַאנְצֶע רֵיינְקֵייט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

אַז מֶען אַרְבֶּעט נִישְׁט אוֹיף ׳שָׁלוֹם בַּיִת׳ מֶען מַאכְט נִישְׁט דֶעם רִינְג אַרוּם זִיךְ, קוּמְט דֶער יֵצֶר הָרָע אַרַיין אִין שְׁטוּבּ און דְרֵיידְט אָן אַ קְלֵיינֶע מַחְלוֹקָה׳לֶע, עֶר זָאגְט נָאר אֵיין וָוארְט פַאר אִיר און זִי זָאגְט צוּרִיק נָאר אֵיין וָוארְט פַאר אִים, און דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ אִיז אוֹיס, מֶען הוֹיבּ זִיךְ אָן קְרִיגְן טָאג און נַאכְט, מֶען רֶעדְט שׁוֹין נִישְׁט צְווִישְׁן זִיךְ.

אִיךְ וֶועל עֶנְק אִיבֶּער דֶערְצֵיילְן דָאס וָואס אִיךְ הָאבּ שׁוֹין דֶערְצֵיילְט דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם לֵיל שִׁישִׁי בַּיים שִׁיעוּר; אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין נֵייעֶ מַעֲשִׂיּוֹת צוּ דֶערְצֵיילְן, אִיךְ דֶערְצֵייל אַלְץ אִיבֶּער דִי זֶעלְבֶּע פָּאר מַעֲשִׂיּוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן מוֹהֲרַ״שׁ, אַזוֹי וִוי מוֹהֲרַ״שׁ פְלֶעגְט דָאס צוּגְלִיכְן צוּ דֶעם הֲלָכָה וָואס דִי מִשְׁנָה זָאגְט (בָּבָא מְצִיעָא כט:) ׳וֶוען אֵיינֶער טְרֶעפְט אַ קְלֵייד זָאל עֶר עֶס שָׁאקְלֶען אֵיין מָאל אִין דְרַייסִיג טֶעג כְּדֵי דִי קְלֵייד זָאל וֶוערְן אוֹיפְגֶעפְרִישְׁט און זָאל נִישְׁט וֶוערְן פַארְשְׁטוֹיבְּט און מִילְבִּיג׳, דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס מֶען קֶען זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען דֶערְפוּן יִרְאַת שָׁמַיִם דַארְף מֶען עֶס אוֹיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן אַ יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט.

[רֶעדְנְדִיג פוּן דֶעם הֲלָכָה הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א נָאכְגֶעזָאגְט פוּן זַיין זֵיידֶען הַגָּאוֹן דֶער קַארְלְסְבּוּרְגֶ׳ער רָב שְׁלִיטָ״א וָואס הָאט גֶעפַּסְקְ׳עֶט: וֶוען אֵיינֶער אִיז נִישְׁט זִיכֶער בַּיי זִיךְ אַז עֶר וֶועט קֶענֶען אַיינְהַאלְטְן דִי אַלֶע הֲלָכוֹת פוּן דֶעם גֶעטְרָאפֶענֶעם זַאךְ זָאל עֶר עֶס עֶנְדֶערְשׁ נִישְׁט אוֹיפְהֵייבְּן וִוי אֵיידֶער עֶר וֶועט עֶס יָא אוֹיפְהֵייבְּן און נִישְׁט אַיינְהַאלְטְן דִי אַלֶע הֲלָכוֹת; אַז מֶען הָאט עֶס אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן דַארְף מֶען דָאס גוּט אַוֶועק לֵייגְן און נִישְׁט נִיצְן, און פַארְ׳ן שְׁטַארְבְּן דַארְף מֶען אָנְזָאגְן דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן וַוייטֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן דֶערוֹיף בִּיז אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא וֶועט קוּמֶען און זָאגְן צוּ וֶועמֶען דָאס בַּאלַאנְגְט].

און דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א דֶערְצֵיילְט: גֶעוֶוען אִיז דָאס זוּמֶער שְׁנַת תשע״א, מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען אִין קֶעמְפּ ״מַחֲנֶה תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב״ - עֶלֶענְוִויל נְיוּ יָארְק, דִי דְרִיטֶע יָאר פוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעעֶפֶענְט דִי יְשִׁיבָה. דֶעמָאלְט אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין אֵיין חָתָן אִין יְשִׁיבָה, וַוייל מֶען הָאט זֵייעֶר מְבַזֶּה גֶעוֶוען דִי יְשִׁיבָה, און מֶען הָאט אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אַ שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען אוֹיף מִיר און אוֹיף דִי יְשִׁיבָה וְכוּ׳, וָואס דָאס הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אַז מֶענְטְשְׁן הָאבְּן מוֹרָא גֶעהַאט צוּ נֶעמֶען אַ בָּחוּר פוּן יְשִׁיבָה פַאר אַן אֵיידֶעם. יֶעדֶעס מָאל מֶען הָאט אָנְגֶעטְרָאגְן אַ שִׁידוּךְ פַאר אֵיינֶעם, און יֶענֶער הָאט גֶעהֶערְט אַז דֶער בָּחוּר לֶערְנְט אִין בְּרֶסְלֶב, הָאט יֶענֶער גְלַייךְ אַרָאפְּגֶעהַאקְט דֶעם

טֶעלֶעפָאן.

אִיךְ הָאבּ דֶעמָאלְט גֶעשְׁרִיבְּן בְּרִיוְון פַאר מוֹהֲרָא״שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אַז דִי בָּחוּרִים וֵויינֶען צוּ מִיר, זֵיי ווִילְן חֲתוּנָה הָאבְּן וְכוּ׳, אוּן מוֹהֲרָא״שׁ הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַז עֶר גֵייט קוּמֶען חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב אִין קֶעמְפְּ מַאכְן אַ סְעוּדָה, אוּן עֶר גֵייט בְּרֶענְגֶען שִׁידוּכִים. אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען, מוֹהֲרָא״שׁ אִיז גֶעקוּמֶען אִין קֶעמְפְּ, אוּן מֶען הָאט גֶעמַאכְט אַ סְעוּדָה לְכָבוֹד חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב, בַּיי דִי דְרָשָׁה הָאט מוֹהֲרָא״שׁ גֶעזָאגְט אַזוֹי: ״אִיךְ זָאג צוּ פַאר אַלֶע בָּחוּרִים וָואס זֶענֶען זִיבֶּעצְן יָאר אוּן הֶעכֶער, יֶעדֶער בָּחוּר וָואס וֶועט יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען גַאנְץ מַסֶכֶת תַּעֲנִית - פוּן ט״וּ אָב בִּיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, זָאג אִיךְ צוּ אַז עֶר וֶועט טְרֶעפְן זַיין שִׁידוּךְ גְלַייךְ נָאךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה״; וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, כַּאֲשֶׁר אָמַר כֵּן הָיָה, עֶס הָאט זִיךְ גְלַייךְ אָנְגֶעפַאנְגֶען שִׁידוּכִים אֵיינְס נָאכְן צְווֵייטְן, אוּן אַלֶע זֶענֶען חֲתָנִים גֶעוָוארְן אוּן חֲתוּנָה גֶעהַאט, אוּן זֵיי הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן.

הָאט מִיר אַ אִינְגֶערְמַאן דֶערְצֵיילְט, עֶר מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט שָׁלוֹם בַּיִת אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּיים שִׁיעוּר וֶוען מוֹהֲרָא״שׁ הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי בָּחוּרִים דִי סְגוּלָה פוּן מַסֶכֶת תַּעֲנִית, אִיז עֶר צוּגֶעגַאנְגֶען פְרֶעגְן מוֹהֲרָא״שׁ אוֹיבּ עֶר וֶועט זָאגְן פֶערְצִיג טֶעג מַסֶכֶת תַּעֲנִית צִי עֶר וֶועט הָאבְּן אַ בֶּעסֶערֶע שָׁלוֹם בַּיִת? הָאט אִים מוֹהֲרָא״שׁ גֶעזָאגְט מִיט אַ שְׁמֵייכְל: ״מֶענְדְל מֶענְדְל, אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס וִויל הָאבְּן אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת דַארְף זַיין אַ וַותְּרָן אִין שְׁטוּבּ״; אוֹיף ׳שָׁלוֹם בַּיִת׳ הֶעלְפְּט נִישְׁט קַיין סְגוּלוֹת, נָאר מֶען דַארְף שֵׁיין רֶעדְן אוּן הָאבְּן גֶעדוּלְד זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן - דֶעמָאלְט בַּאקוּמְט מֶען ׳שָׁלוֹם בַּיִת׳.

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א זָאגְט וַוייטֶער: אֵיינְמָאל דוּ מַאכְסְט דֶעם ׳רִינְג׳, דוּ לֶעבְּסְט מִיט דַיין וַוייבּ מִיט שָׁלוֹם אוּן לִיבְּשַׁאפְט, דֶעמָאלְט קֶענְסְטוּ וואוֹינֶען וִוי אִימֶער עֶס זָאל זַיין אֲפִילוּ נֶעבְּן דִי טוֹיזְנְט בֶּערְג וואוּ עֶס וואוֹינֶען דִי שֵׁדִים, וָואס עֶס הֶערְשְׁט דָארְט לֵיצָנוּת אוּן זֵיי זֶענֶען מַזִיק אַנְדֶערֶע, אָבֶּער אִינֶעם רִינְג קֶענֶען זֵיי נִישְׁט אַרַיין קוּמֶען.

מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן מִיר: ״וואוּ וואוֹינְסְטוּ? דוּ וואוֹינְסְט אִין וִוילְיַאמְסְבּוּרְג? וִוי קֶענְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְקוּמֶען מִיט דִי וִוילְיַאמְסְבּוּרְגֶ׳ע מֶענְטְשְׁן?״... זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א: אִיךְ וואוֹין אִין מַיין הוֹיז; מַיין הוֹיז אִיז אוֹיף דִי וֶועלְט, אִינֶעם לַאנְד אַמֶערִיקֶע, אִינֶעם שְׁטָאט נְיוּ יָארְק, אִין וִוילְיַאמְסְבּוּרְג.

דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע וואוּ מֶען דַארְף זֶען צוּ מַאכְן דֶעם רִינְג אִיז אִינְדֶערְהֵיים, אַז דֶער מַאן אוּן דִי וַוייבּ זָאלְן אַרְבֶּעטְן צוּזַאמֶען, נִישְׁט דֶער מַאן זָאגְט: ׳אִיךְ בִּין דִי בַּעַל הַבַּיִת׳, אוּן זִי זָאגְט צוּרִיק: ׳נֵיין, אִיךְ בִּין דֶער בַּעַל הַבַּיִת׳ - נָאר מֶען בּוֹיעֶט צוּזַאמֶען דֶעם שְׁטוּבּ.

אוֹיבּ מֶען הָאט זִיךְ לִיבּ אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן קֶען קֵיינֶער נִישְׁט זִיךְ אַרַיין מִישְׁן, נִישְׁט דִי שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער, אוּן נִישְׁט שְׁוֶועגֶערִינְס; נָאר וֶוען דִי מַאן אוּן וַוייבּ פַארְשְׁטֵייעֶן זִיךְ נִישְׁט - דֶעמָאלְט הָאט יֶעדֶער אַ וָוארְט, יֶעדֶער מִישְׁט זִיךְ אַרַיין.

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א הָאט דֶערְצֵיילְט: וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעעֶפֶענְט דֶעם יְשִׁיבָה הָאבְּן מֶענְטְשְׁן פְּרוּבִּירְט אַלֶע וֶועגְן וִוי אַזוֹי צוּ קֶענֶען צוּמַאכְן דֶעם יְשִׁיבָה, מֶען הָאט גֶעשִׁיקְט בְּרִיוְון פַאר אַלֶע מַיינֶע שְׁכֵנִים מֶען זָאל נִישְׁט רֶעדְן מִיט מִיר אוּן מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוֹיךְ הָאט מֶען גֶערוּפְן אַ גְרוֹיסֶער עַסְקָן פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל עֶר זָאל זִיךְ אַרַיין לֵייגְן דֶערִין אוּן זֶען וָואס עֶר קֶען טוּן, הָאט מִיר מוֹהֲרָא״שׁ שְׁפֶּעטֶער גֶעזָאגְט: דֶער עַסְקָן אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר רֶעדְן וְכוּ׳, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: ״עֶס אִיז אַ שָׁאד צוּ פְּרוּבִּירְן בַּייקוּמֶען דֶעם אִינְגֶערְמַאן, וַוייל זַיין וַוייבּ אִיז מִיט אִים, דֶערְפַאר וֶועט קֵיינֶער אִים נִישְׁט קֶענֶען בַּייקוּמֶען״.

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א זָאגְט וַוייטֶער: דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין וַוייבּ וָואס עֶר הָאט דִיךְ גֶעשָׁאנְקְן; זֵיי נִישְׁט פַארְנוּמֶען צוּ טְרֶעפְן פְּרָאבְּלֶעמֶען אִין אִיר, דוּ קֶענְסְט אוֹיסְהֵיילְן דַיין וַוייבּ, עֶס וֶוענְדְט זִיךְ נָאר אִין דִיר; אוֹיבּ דוּ וֶועסְט אִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן וֶועט זִי וֶוערְן גֶעזוּנְט. וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (שַׁבָּת קכט.): ״בְּרַתֵּיהּ דְּרַב חִסְדָּא טָבְלָה בְּגוֹ תְּלָתִין יוֹמִין שֶׁלֹּא בִּפְנֵי בַּעְלָהּ וְאִצְטְנִיאַתְ״, רָבָא׳ס וַוייבּ הָאט זִיךְ פַארְקִילְט אוּן זִי אִיז קְרַאנְק גֶעוָוארְן, רָבָא אִיז דֶעמָאלְט נִישְׁט גֶעוֶוען אִין שְׁטוּבּ עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין יְשִׁיבָה אִין פּוּמְבְּדִיתָא (דֶעמָאלְט אִיז גֶעוֶוען דִי סֵדֶר אַז מֶען פְלֶעגְט אַוֶועק פָארְן פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט לֶערְנֶען תּוֹרָה), ״וְאַמְטוּי לְעַרְסָה בַּתְרֵיהּ דְּרָבָא לְפוּמְבַּדִיתָא״, הָאט מֶען אִיר גֶעטְרָאגְן מִיט אִיר בֶּעט קַיין פּוּמְבְּדִיתָא אִין דִי יְשִׁיבָה וואוּ רָבָא אִיז גֶעוֶוען רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוּן זִי אִיז אוֹיסְגֶעהֵיילְט גֶעוָוארְן; קוּק נָאךְ דִי גְמָרָא, וְדוֹ״ק; זֶעט מֶען וִוי דֶער מַאן קֶען אוֹיסְהֵיילְן זַיין וַוייבּ, אַז דוּ וֶועסְט שֵׁיין רֶעדְן צוּ אִיר וֶועלְן אַוֶועק גֵיין אַלֶע אִירֶע וֵוייטָאגְן.

אַז דוּ דַארְפְסְט עֶרְגֶעץ גֵיין מִיט דַיין וַוייבּ אוּן זִי אִיז נִישְׁט גְרֵייט רֶעד צוּ אִיר שֵׁיין: ״זָאג מִיר וֶוען דוּ וֶועסְט זַיין גְרֵייט; בִּיז דֶערְוַוייל וֶועל אִיךְ לֶערְנֶען מַיינֶע שִׁיעוּרִים״; מֶען קֶען נִישְׁט שְׁרֵייעֶן: ״נוּ! וואוּ הַאלְסְטוּ? פַארְוָואס בִּיסְטוּ נָאכְנִישְׁט גְרֵייט? מֶען הָאט אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט אַ צַייט אוּן דוּ בִּיסְט נָאךְ אַלְץ נִישְׁט גְרֵייט, וִויפִיל מָאל דַארְף מֶען דִיר זָאגְן אַז דוּ זָאלְסְט גְרֵייט וֶוערְן צוּם בַּאשְׁטִימְטְן צַייט...״

בִּיז זִי וֶוערְט גְרֵייט נֶעם אַ מִשְׁנָיוֹת אוּן לֶערְן אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אָדֶער זַיי מַעֲבִיר סֶדְרָה אִין דִי צַייט, וֶוען זִי אִיז שׁוֹין גְרֵייט דֶעמָאלְט גֵייט מֶען אָן קַיין שְׁרֵייעֶן אוּן מַחֲלוֹקֶת.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז שַׁבַּת צוּפְרִי, דוּ קוּמְסְט אַהֵיים פוּן שׁוּהְל אוּן דִי סְעוּדָה אִיז נָאכְנִישְׁט אָנְגֶעגְרֵייט, נֶעמְסְטוּ זִיךְ שְׁרֵייעֶן אוֹיף אִיר: ״דוּ קֶענְסְט נִישְׁט אָנְגְרֵייטְן?! אַלֶעס לִיגְט נָאךְ אוֹיפְ׳ן טִישׁ פוּן נֶעכְטְן בַּיינַאכְט!״; אַזוֹי רֶעדְט מֶען נִישְׁט אִין אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, גֵיי דוּ אוּן גְרֵייט אָן דִי סְעוּדָה, אוּן מַאךְ אִיר פְרֵיילִיךְ.

אַ אִינְגֶערְמַאן טְרַאכְט: ׳אַ שָׁאד אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אִיר, אִיךְ וָואלְט גֶעקֶענְט טְרֶעפְן בֶּעסֶערְס...׳, דָאס אִיז פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, - זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א - קֶען זַיין ׳זִי׳ וֶועלְט גֶעקֶענְט הָאבְּן בֶּעסֶערְס, אַז דוּ וֶועסְט תְּשׁוּבָה טוּן וֶועט ׳זִי׳ הָאבְּן בֶּעסֶערְס.

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א גֶעזָאגְט: דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ; עֶס הָאט נִישְׁט צוּטוּן ׳וִויפִיל מֶענְטְשְׁן הָאט עֶטְץ׳ אוּן ׳וִויפִיל מֶענְטְשְׁן הָאבְּן מִיר׳, דֶער עִיקָר אִיז דִי לִיבְּשַׁאפְט וָואס הֶערְשְׁט צְווִישְׁן זִיךְ אֵיינֶער מִיטְ׳ן אַנְדֶערְן.

מוֹהֲרָא״שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט: בַּיים עֶרְשְׁטְן ׳קִבּוּץ רֹאשׁ הַשָּׁנָה׳ וָואס אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן גֶעמַאכְט, הָאט מֶען נָאר גֶעהַאט נַיין מֶענְטְשְׁן אוּן מֶען הָאט גֶעדַארְפְט רוּפְן אַ צֶענְטֶער פוּן טָארָאנְטָא זָאל קוּמֶען מִיט דַאוֶונֶען מִיט זֵיי, אָבֶּער דִי גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט וָואס הָאט דָארְט גֶעהֶערְשְׁט דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער עִיקָר, מֶען הָאט גֶעשְׁפִּירְט וִוי דֶער רֶבִּי אִיז מַמָּשׁ דָא.

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט זַיינֶע וֶוערְטֶער צוּ דִי שְׁטֶעטְל אִינְגֶעלַייט: דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה, דִי שְׁטֶעטְל זָאל וַוייטֶער מַצְלִיחַ זַיין; דִי הַצְלָחָה פוּן אַ פְּלַאץ אִיז נִישְׁט אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין וִויפִיל טֶעקְס מֶען צָאלְט, אִין וִויפִיל וַואסֶער מֶען צָאלְט, - דִי זַאכְן זֶענֶען נִישְׁט מַעְלָה אוּן מוֹרִיד אִינֶעם הַצְלָחָה פוּנֶעם שְׁטֶעטְל; דִי הַצְלָחָה פוּנֶעם שְׁטֶעטְל אִיז נָאר אָנְגֶעהָאנְגֶען אִינֶעם רִינְג וָואס מֶען מַאכְט, צִי מֶען קוּקְט גוּט אֵיינֶער אוֹיפְ׳ן צְוֵוייטְן, מֶען זוּכְט וואוּ מֶען קֶען הֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן.

אָבֶּער אוֹיבּ זוּכְט מֶען נָאר צוּ בַּארֶעדְן אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט דֶערְלַיידְן אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן - דֶעמָאלְט קֶען מֶען שׁוֹין אַרוֹיפְלֵייגְן גְרוֹיסֶע טָאוְולֶען אוֹיף דִי הַייזֶער מִיטְ׳ן אוֹיפְשְׁרִיפְט: ״פָאר סֶעיְל״, אוּן פַארְקוֹיפְן אַלֶע הַייזֶער פַאר גוֹיִם, עֶס אִיז אַ שָׁאד אוֹיף דִי צַייט פוּן בּוֹיעֶן אַ שְׁטֶעטְל אוֹיבּ מֶען פַארְטְרָאגְט זִיךְ נִישְׁט אֵיינֶער מִיטְ׳ן צְוֵוייטְן, דִי מִקְוֶה וֶועט וֶוערְן אַ פֵיינֶע דֶזשעקוּזִי פַאר דִי גוֹיִם.

מֶען וֶועט מַצְלִיחַ זַיין נָאר דוּרְכְ׳ן קוּקְן גוּט אֵיינֶער אוֹיפְ׳ן צְוֵוייטְן, אֵיינֶער וֶועט הֶעלְפְן דֶעם אַנְדֶערְן, אַרַיין נֶעמֶען יֶענֶעמְס קִינְדֶער וֶוען עֶס פֶעלְט זִיךְ אוֹיס, זֶען אַז יֶעדֶער זָאל הָאבְּן צוּ עֶסְן אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַז מִיר וֶועלְן זִיךְ אַזוֹי פִירְן וֶועט קֵיינֶער נִישְׁט קֶענֶען הָאבְּן קַיין גֶעוֶועלְטִיגְן אוֹיף אוּנְז, דִי נִישְׁט גוּטֶע וֶועלְן אוּנְז נִישְׁט קֶענֶען בֵּייקוּמֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי׳ן וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶעס גוּטְס.

(סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ג׳ - חֵלֶק ח׳,
פָארְגֶעלֶערְנְט שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים תש״פ לִפְרָט קָטָן)